STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11631

LIDER

Roshelle Weprinsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ראַשעל וועפּרינסקי

לידער

פֿאַר [illegible] —

אונזער [illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

מיט פֿרײַנדלעכן גרוס

ראַשעל וועפּרינסקי

ניו יאָרק [illegible]

ראַשעל וועפּרינסקי

לידער

פאַרלאַג
י.ל. פרץ
ישראל
תל-אביב 1979

LIDER
ROCHELLE WEPRINSKY

I. L. Peretz Publishing House
31, Allenby Str., Tel-Aviv

©
Printed in Israel 1979

דפוס אורלי, תל־אביב

לידער

דער מענטש

דער מענטש האָט אין בענקשאַפט באַשאַפן זײַן גאָט:
העכער, טיפער און שטאַרקער פון אים.
אַזוי האָט ער שפּעטער געשאַפן זײַן ליד, —
שענער, טיפער און העכער פון אים.

און דאָס איז אַ פּנים דער דרך, דער וועג:
דער שאַפער בלײַבט קלענער פון זײַן ווערק...

און איך בענק שטענדיק נאָך דעם ליד,
וואָס איז שענער און טיפער פון מיר אַליין —
דאָס איז אַ פּנים דער דראַנג און די בײַטש,
וואָס טרײַבט מיך נאָך אַנאַנד צו דער פּען...

איין אַליין

אויך דער שיינער זונפאַרגאַנג
מוז פאַרגיין.
און דורך די פיאָלעטע פאַרבן,
וואָס ברענען אין די ווײַטע וואָלקנס
און וועלן אָט־אָט שטאַרבן —
קענען אַלע מענטשן זען
ווי טרויעריק דער טאָג פאַרגייט
און ווי שיין!

נאָר זען זעט עס די
וואָס זיצט אָונטצייַט
בייַם פענצטער
איין אַליין — —

האַרבסט

1

קום ראַטעווע,
ס'גייט דער האַרבסט מיט פאָלעס ברייט צענומענע,
אַ פירלויפער צעקלינגט זײַנע פאַרבן
און יאָגט אַ טויטשרעק אָן אין מײַן געביין,
וואָס האָט אַזוי אויך מורא פאַרן שטאַרבן.

די ביימער שטייען ווי אָן אָטעם, שטיל.
זייערע בלעטער ווערן ווי דעם דאָרניקס ליפּן רויט.
דער הימל איז צוריקגעצויגן ווײַט, —
די קליינע מאַרגאַריטקע איז שוין טויט, —

קום ראַטעווע,
ס'גייט דער האַרבסט מיט פאָלעס ברייט צענומענע———

2

אויפן דאַרן צווײַג
האָט פּלוצעם זיך צעבליט אַ געלע רויז,
ווי זי וואָלט אויפגעשטאַנען
תּחית־המתים...
זי האָט דערזען אין שרעק:
ס'איז שפּעטהאַרבסט
— וואָס טו איך דאָ?
איך בלי דאָך נאָר אין יוני —
אַ רויך איז געגאַנגען איבער איר פּנים
פון די טרוקענע בלעטער
וואָס דער ווינט ברענגט —
עפּעס ערגערס קען מיר נאָך געשען:
כ'וועל איצט אַרײַנפאַלן
אין זקן־ווינטערס הענט...

פאַר נאַכט

דער גראַציעזער עראָפּלאַן
איז אין דעם גראָען וואָלקן ערשט אַרײַן.
איצט שווימט ער דאָרטן ווי אַ פיש אין ים.

דער הימל הײַנט בײַם זונפאַרגיין
איז אַזוי מוראדיק און שיין.
כ׳האָב גאַר קיין נעמען ניט
פאַר דער עשירות פון די פאַרבן,
ווײַל איידער ס׳זעטיקט זיך דאָס אויג,
צעפליסן זיי זיך ווי מוזיק און שטאַרבן.

אַ רגע, און ס׳בלײַבט דאָס האַרץ גערייצט;
אַ רגע, און בלײַבסט זיצן ווי פאַרטראַכט;
אַ רגע — און זעסט מערער גאָרנישט נישט, —
דער הימל האָט זיך אײַנגעהילט אין נאַכט.

וויגליד

לעבן מײַן, וויג מיך אײַן.
כ׳קאָן אַזוי ביז טאָג ניט ליגן —
„קינדער שלאָפן אײַן אַליין,
גרויסע דאַרף מען וויגן״.

ער האָט זי געוויגט אויף זײַנע קני —
לעבן, ווּ ביסטו? — לעבן!
ס׳בלײַבט נישט מערער ווי אַ ליד —
אַ זכיה איז ווען ס׳בלײַבט אַ ליד...

דער ים

דער ים איז איינזאַם.
נאָר אָפט טוען ווינטן מיט אים אַ שטיפּ,
זיי טורעמען אים אויף, שטורעמען אים אויף,
און אַ צעשווימטן טראָגן זיך די כוואַליעס צו אַ
ברעג —
אים אַריבערגייען, זיך צעשפּרייטן ווײַט און
ברייט...
נאָר שטילע, אײַנגעפאַלענע, קערן זיי זיך אום
צוריק —
אַזוי פיל מאָל פּרובירט און אַליין נאָך ניט
געלערנט,
אַז אָט־דער פלאַכער ברעג פון ים
איז פאַר זײַן טיפער טיפעניש אַ צאַם...
דער ים איז איינזאַם.

איך

איך, מיט מײַן גאַנג,
וואָס איז ענלעך געווען צום פרילינגווינט, —
קריך איך אַצינד,
געבויגן און לאַם אויף אַ קוליע.
נאָר ס׳טרעפט, אין מינוטן פון ווײַטער פאַרטראַכטקייט,
קומט מײַן אַמאָליקער חבר, דער ווינט,
מיר סודען אין אויער:
— די וועגן זײַנען נאָך ברייט און אָפן,
הערסטו ניט ווי ס׳רופט דיך צום וואַנדער דײַן טרויער?
— יאָ, איך הער. וואַך איז מײַן אויער,
נאָר מײַן קוליע איז טויב...
פרעמד זײַנען איר די אָפענע וועגן
און דער ברייטער שליאַך...

סאַבּרעס

איך האָב האָלט די פּיצל סאַבּרע־קינדערלעך,
וואָס לויפן אַרום מיט די באָרוועסע פיסלעך
אויף דער וואַרעמער ערד ביַים מושב,
דאָ אין דער שטענדיק זוניקער תּל־אָביב...

די מאַמעס היטן זיי דורך די פענצטער מיט אַ גיריק אויג:
ווי רירעוודיק זיי שפּרינגען אין זייער שפּיל.
דאָס עברית אין זייערע מיַילעכלעך בליט
ווי זיסער פּאָמעראַנצן־צוויט...

דאָס קליינוואַרג האָט קיין דאגות ניט,
זיי וואַקסן שיין און גרוים.
אַ בענקשאַפט פירט זיי אָפט פון זייער לאַנד אַרוים,
צו זען די גאָרע וועלט פון קאַנט צו קאַנט...

נאָר שטענדיק בענקען זיי צוריק אַהיים אין זייער לאַנד,
אַרומצולויפן באָרוועס אויף זייער וואַרעמער ערד;
נעמען אַ ביקס אין האַנט, אויב ס׳איז באַשערט,
און ליב האָבן און זיַין פאַרקנסט צו אָט דער ערד.

פּאָעטן

דעם טרויער האָט גאָט געשאָנקען די פּאָעטן.
די וואָס האָבן אויסגעוויילט פאַר זיך דאָס וואָרט,
צי דעם פּענדזל און די פאַרב אויף לײַוונטן געשטרעקט;
די וואָס האָבן דערהערט ס׳געוויין פון האָלץ און שטיין —
געטעסעט צו ווערן פון פאַרליבטע הענט, —
און די וואָס נעמען קלאַנגען בײַ דעם חלל,
צו געבן דער וועלט צוריק געלײַטערטע מוזיק.
די אַלע געבערס, שאַפערס, פאַרברידערטע פּאָעטן —
זיי זײַנען אַלע פון איין טייג געקנאָטן.
דעם טרויער האָט גאָט געשאָנקען זיי, —
און זיי גיבן די מענטשן מיט פרייד זייערע ווערק,
דאָס ברויט צו האָדעווען די נשמה — —

אַ טאָג

דער טאָג האָט מיך ווידער אָפּגענאַרט.
געלאָזן מיך שטיין מיט ליידיקע הענט אַליין,
דאָרט ווו די זון אַ רונדע, אַ פולע,
האַלט שוין בײַם פאַרגיין.
אָ, ווײַז מיר יענעם טאָג דעם איינציקן,
וואָס וועט מיך ניט אָפּנאַרן,
נאָר ברענגען פולע אָרעמס פרייד:
אפשר מײַן אַלטן פרײַנד מיט די קלוגע רייד, —
אפשר אַ ליד, וואָס כ'האָב שוין לאַנג פאַרטראַכט,
וועט מקוים ווערן יענעם פאַרנאַכט?
און ס'וועט זיך אָנצינדן מײַן שטערן?
אָ, גאָט, ברענג מיר יענעם טאָג דעם איינציקן,
וועלן די אַנדערע שוין אַליין קומען.

די פייגל שלאָפן

די פייגל שלאָפן שוין פון לאַנג.
מ'הערט קיין פּיפּס ניט, קיין געזאַנג.
ס'שלאָפט דאָס פעלד, ס'שלאָפט די בלום,
דער וועוועריק שלאָפט און שפּרינגט ניט אום.
איך אַליין בין וואַך.
איך וואַרט אויף אַ וואָרט מיט אַזאַ מין ניגון,
וואָס קאָן אַי לאַשטשען, אַי פאַרוויגן — —

אַ וואָרט

אַ וואָרט קען אַ מענטשן דערשלאָגן.
קען אויך ראַטעווען פון משוגעת, פון אונטערגאַנג.
אַ וואָרט אַן אמתער, ווען ער קומט אין צײַט, —
ווען זשע קומט ער זאָלסט אים קענען גיין אַנטקעגן? —
זאָלסט דערקענען, אַז דאָס איז דער אמתער וואָרט?
חיות האָבן ניט קיין ווערטער, נאָר זיי האָבן קלאַנג
און געזאַנג.
און דאַרפסט זיך נישט מיִען צו זוכן זייער אמת —
ער איז שטענדיק דאָרט פאַראַן — —
און ווּ ביסטו, מענטש, — ווּ קלינגט דײַן אמת? — —

פרילינגשפּיל

דער פרילינג בליט פאַר פייגל און פאַר ביימער.
די ביימער, יונגע, אַלטע, גרינען יעדן פרילינג אויף ס'ניי.
די בלעטעך מורמלען אין דעם לײַכטן ווינט, מע הערט זיי קוים, —
זיי שאָרכן — זײַד אויף זײַד, — יאָ, כ'וויל זײַן אַ בוים!
נאָר אפשר גאָר אַ פויגל זײַן? וועקן דעם באַגין מיט מײַן געזאַנג,
באָדן מײַנע פלאַטערדיקע פליגלעך אין פרימאָרגן־טוי, —
דאָס פרישע ווינטל ווי אַ לײַלעך זאָל אַרומנעמען מיך אָט אַזוי — —
ניין, ניין, ניט קיין פויגל, וואָס פליט אַוועק און לאָזט אין האַרבסט
זײַן נעסט, —
איך וויל פאַרוואָרצלט זײַן טיף — כ'וויל פון אַלע מאָל אַ בוים זײַן גאָר,
מײַנע צווײַגן זאָלן רוישן, גרינען ביז מײַנע הונדערט צוואַנציק יאָר, —
און אפשר נאָך אַריבער...

דאָרט

דאָרט, אין ווײַטן זונפֿאַרגאַנג
רינט מײַן בלוט און פֿאַרבט דעם הימל.
דאָרט זינקט מײַן שיף מיט מײַנע חלומות — —
זי זינקט צענפּאַכיק — —
און בײַ איר לעצטן טרעפּ־אַראָפּ
גיט זי צו מאָל ניט קיין סיגנאַל
נאָך הילף — —

נאָוועמבער

נאָוועמבער האָט אויסגעטאָן די ביימער נאַקעט.
די צווייַגן ציטערן. זייערע בלעטער די גאָלדענע
וואַלגערן זיך אויף דער ערד, —
איך טרעט איבער זיי און זיי שרייַען.
איך הער זיי יאָ, און — ניט, —
אַזוי פאַרטראָגן זייַנען מייַנע טריט — —

כוואַליעס

אַוווּ איז די יענע זײַט ים?
ס׳איז ניט פֿאַראַן קיין יענע זײַט ים.
די כוואַליעס וואַנדערן און קערן זיך אום צוריק.
און מיר ביידע וואַנדערן — אַ כוואַליע מיט אַ כוואַליע.
מיר וועלן זיך קיין מאָל ניט באַגעגענען,
קיין מאָל ניט אומאָרעמען — —
מיר וואַנדערן שטענדיק אַ כוואַליע מיט אַ כוואַליע — — —

די אַלמנה

די שטילקייט אין די שטובן,
דער שטויב וואָס ליגט אויף אַלטע שטיקער מעבל,
אויף פּאָליצעס מיט ביכער יאָר אויף יאָר, —
מאַכן גרויער אירע גרויע האָר.
דערינערונגען פון פאַרגאַנגענע יאָרן
האָט זי פאַרפּלאָנטערט אין זכּרון...
זי פאַרגעסט עפענען אַ פענצטער צו דער גאַס, —
ס'קומט ניט אַרײַן פון דער זון קיין שטראַל,
זי הערט ניט איר אייגן קול,
פון פרײַנד קיין וואַרעמע רייד —
ס'איז שטיל אַרום איר, —
איר דאַכט, זי איז שוין טויט.

דער חלום

דער חלום האָט קיין מאָל ניט קיין סוף,
ווײַל דער בעל־חלומות וועקט זיך פּלוצעם אויף.
וואָס זשע פּאַסירט מיט דעם אָנגעפּיקן חלום? —
דו טראָגסט אים אַרום אין זיך,
צוגעטוליעט צו דײַן האַרץ
און זוכסט פאַר אים אַן אָרט,
אפשר אין אַן אַנדער חלום . . .

פֿאַרבײַ מײַן פֿענצטער

פֿאַרבײַ מײַן פֿענצטער, ווי קינדער־שפּילצײַג,
יאָגט אַדורך די קליינע באַן.
פֿאַרבײַ מײַן פֿענצטער, צו מערב צו
אַן איינזאַמע גייט אַוועק די זון.
פֿאַרבײַ מײַן פֿענצטער שווימט גראַציעז אַן עראָפּלאַן
און מעוועס פֿון נאָענטן אײַנגנום פֿליִען אים נאָך
ביזן ווײַטסטן וואָלקן און קערן זיך אום צוריק.
און מיר ווערט פּלוצעם אַזוי שטאַרק אומעטיק —
צי ביסטו ערגעץ דאָ מײַן פֿרײַנד?
איך דאַרף דיך הײַנט — —

מײַן פענצטער

איינזאַם איז מײַן פענצטער.
ער איז אַן איינציקער בײַ מיר אין שטוב.
ער האָט ניט קיינעם,
קוקט ער שטענדיק אַרויס צום דרויסן.

✶

אין דער אָזערע פון שטילקייט
גיי ניט אַרײַן.
די אָזערע איז טיף.
טיף ווי די איינזאַמקייט.
קוים גייסטו אַהין אַרײַן
זינקסטו אײַן — —

אײנזאַמע

מיר, די אײנזאַמע,
וווּ מיר זאָלן זיך ניט געפינען,
האָבן מיר געמײנזאַמע
נויטן אַנגסטלעכע,
וואָס שטויסן אונדזער ווילן
אין אַ דראַנג
צו טײלן מיט אַ צווייטן
אַ לאַנג פאַרגעסענע דערפאַרונג —
אַן ערשט געפונענעם געדאַנק.
— — —
געוועזן זײַנען מיר יאָרן אין צווייען:
געוועזן פרייד, פרײַנד, געזאַנג —
נאָר פרײַנד ווערן נעלם און יאָרן גייען,
ביז דו כאַפּסט זיך אַז דו בלייבסט אַליין,
האָסט נאָר איין פאַרלאַנג:
עמעצער זאָל קומען.
זיך דערמאָנען און זאָל קומען!
נאָר יענער עמעצער,
אויך דײַן נאָענטסטער,
איז שוין אײַנגעזאַמלט אין דער אייביקייט
פון לאַנג...
וואָס טויג דײַן בענקען, דײַן קלערן;
ס'וועלן מער ניט קומען
אפילו די טרערן.

קראָקוסן

ביַים זוים פון מיַין גאָרטן
די קראָקוסן הייבן אָן בליִען:
געל־בלוי, פורפל און וויַיס.
וואָס קימערט זיי דער שניי?
וואָס אַרט זיי דאָס אײַז?
זיי ווייסן, פאַר זיי איז ניטאָ קיין געפאַר
פונאַנדערצובליִען אין פעברואַר,
און זאָלן גאָטס קינדערלעך זיך פרייען,
וואָס אונטער די שנייען
שמעקט שוין און אָטעמט
גאָטס פרילינג — —

קום צו מיר

דער שיינער לײַכטזין
האָט ניט מער פֿאַר מיר קיין זין.
קום צו מיר אין ווינטער
ווען איך בין רײַף און קלוג
און מײַן גאַנץ פֿאַרמאָג
איז דאָס גאָלד,
געזאַמלט פֿון אַ סך האַרבסטן,
און די שפּעטע פֿײַערן ברענען — —

דרײַ שליאַכן

דרײַ שליאַכן זע איך דורך מײַן פענצטער.
דרײַ באַזונדערע וועגן וואָס ציִען זיך אַוועק
אין דרײַ באַזונדערע שטעט.
אין לויף פון טאָג זײַנען די וועגן שטאַרק באַוועגלעך
מיט אויטאָס, לאַסטאויטאָס און פּוסגייערס.
אין פריִען אָוונט צינדן זיך פריילעך די לאַמטערנס,
די שליאַכן בלענדן זיך צוזאַמען, — אַ קאַרנאַוואַל פון ליכט —
נאָר וואָס טיפער דער אָוונט גייט אַרײַן אין דער נאַכט,
אַלץ אומעטיקער ווערט אויף יעדן באַזונדערן שליאַך:
די לאַמטערנס ווערן בלייך און צאַנקען איינציקווײַז;
זעלטענער שוועבן פאַרבײַ די אויטאָס,
נאָך זעלטענער די פוסגייערס —
די שליאַכן ווערן כמעט פוסט און איבעריק...
נאָר איך זיץ נאָך אַלץ בײַם פענצטער
און קוק אויף די דרײַ אומעטיקע שליאַכן,
אַ קליין ביסעלע פאַרטראַכט,
און זע ווי דער פריילעכער, ליכטיקער אָוונט
האָט פאַרגעסן די איינזאַמע נאַכט...

מײַן עראָפּלאַן

מײַן עראָפּלאַן, װאָס טראָגט מיך אין מײַן װײַטן לאַנד,
איז שױן אין דער נאַכט װי אין אַ װאַלד אַ פֿינצטערן אַרײַן.
מײַן קלײנער טאָג, דו ביסט פֿאַרבײַ.
איך װעל דיר אַרײַנרױמען אַ סוד:
מיר איז אַלץ אײנס און סײַ װי סײַ,
מײַן שטוב האָבן ראָבן צעטראָגן,
מײַנע פֿרײַנד האָט דער קבֿרן באַגראָבן.
דו, עראָפּלאַן אין מיטן ים, —
װוּהין טראָגסטו מיך?
װוּהין?

פרילינג

דער פרילינג בליט אַפילו דאָרטן ווו מען זייעט אים ניט;
אין געפּוצטע גערטנער פון גרויסע שטעט,
אין דערפער, ביי אַן אַלט-געבויגענעם פלויט;
ער נעמט אַרום געהויקערטע שטיבער,
וואָס קוקן מיט הונגעריקע פענצטער צום דרויסן אַרוים — —
איז אפשר די זקנה, וואָס קוקט דעם פרילינג אוים?
וואָס דען, דאָס יונגוואַרג וועט זיך מיט דעם פרילינג פרייען?
זיי זייַנען שטאַרק מיט זיך פאַרנומען —
זיי זייַנען דער פרילינג —
זיי בליִען — —

אַ ליד

מיך רייצט דאָס שטיקל פּאַפּיר אויפן טיש.
ס'בלאַנקט אַזוי ווײַס און ריין.
וואָס וועט אַנטהאַלטן דאָס קינפטיקע ליד
ווייסט נאָך ניט דער מחבר אַליין.

נאָר אַ פלאַטער איז דאָ אין געדאַנק;
נאָר אַ קלעמעניש אין האַרץ —
די פּען לייגט ווערטער אויפן פּאַפּיר
און היילט עפּעס דאָרטן וואָס שמאַרצט...

דער טאָג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פרי
איז אויכעט אַזוי ווי מײַן ליד:
איך ווייס נאָך ניט וואָס ער גרייט פאַר מיר,
וועל איך דאַנקבאַר זײַן אָדער ניט? — —

בורא־שמים

בורא־שמים!
אַ נאָמען ביסטו פֿאַר מיר
אין וועלכן איך קלאַמער זיך
ווען מײַן יִאוש איז גרויס
און קיין הילף, קיין אַנטרינונג איז נישטאָ.
דעמאָלט, ווען דאָס קינד האָט געגוססט
בין איך געפֿאַלן פֿאַרן פּרוכת
פֿון דײַן אָרון־קודש,
איך בין געלאָפֿן רײַסן קברים, —
צו די הייכע הימלען האָב איך געהויבן דײַן נאָמען:
בורא־שמים! פֿאָטער פֿון הימל, העלף!
וואָלט דעמאָלט אַ נס געשען,
וואָלט איך געבליבן פֿאַרגלייבט אין דיר,
ווייסנדיק אין מײַן ניכטערן דענקען,
אַז דו ביסט נישטאָ — —

דאָס קליינע האַרץ

דאָס קליינע האַרץ, ווו די עמאָציע־כוואַליעס
גייען נאָך אַנאַנד אַדורך אין אומרויִקן ציטער, —
טעג, נעכט, יאָרן — ווי האַלט עס אויס?
דאָס קליינע האַרץ ווערט אָפּט פון קינאה קלענער,
ווערט אָפּט פון ליבשאַפט צו פיל גרויס...

מײַן קליין האַרץ, אַוווּ איך גיי נאָר,
טראָג איך דיך מיט דײַנע אומרו־קלעפּלעך מיט;
אָ, האַרץ מײַנס, מיר וועלן זיך אַ מאָל דאָך מוזן שיידן, —
דאָס וועט זײַן דעמאָלט, ווען פון צו פיל פילן
וועסט ווערן צו פיל מיד...

טבריה

טבריה, דײַן פּאַרצײַטיקײט
זיצט אין דײַן הײַנטיקייט און מישט זיך ניט אוים.
דאָ אונטן, אין טאָל, קרישלט זיך דײַן פּאַרצײַטיקייט
מיטן ליים פון דײַנע אַלטע מעטשעטן,
פון דײַנע אַראַבישע שטיבלעך, וואָס קוקן
מיט בלינדלעכע אייגעלעך צוריק אין דײַן אַמאָל...
דאָ גייען אום גלחים מיט ברייטן שפּאַן,
געוויקלט אין שוואַרצע טיכער, מיט גאָלדענע צלמים
אויף די העלדזער, וואָס שאָקלען זיך אין ווינט...
סודותפולע אַראַבער דרייען זיך דאָ אַרום
צווישן פאַרהאָרעוועטע קיבוצניקעס און יונגע טוריסטן
מיט רוקזעק אויף די אַקסלען; מיידלעך אין „מינים",
אַראָפּגעקומענע פון די בערג, פון האָטעלן;
ייִדן פון מאַראָקאָ, פון אַמעריקע,
זיי לאָזן זיך אַראָפּ אין טאָל
צו דער סאַמעטענער שטילקייט פון כנרת — —

בלומען

און פיאַלקעס
און לאַנדיש
און בעז
און נאַרציסן
און די מאָנבלום
און די רויז —
אַלע די בלומען פון פרילינג
שמעקן זיס, ווי יונגע, פאַרליבטע נשמות.
אָבער זיי האָבן קורץ-דויערנדיקע טעג.
באַלד קומט געדײַען די פיאָלעטע שטעכלקע פון זומער,
מיטן אויסגעקוועטשטן רײַפן מויל — —
נאָך דעם קומען די בלומען פון האַרבסט.
זיי שמעקן ניט זיס, נאָר זיי האָבן לאַנגן דויער.
אָט איז די כריזאַנטעמע — די שענסטע פון צווישן זיי —
זי בליט אַפילו דעמאָלט ווען ס׳ליגט אויף איר קאָפּ שוין
דער שניי — —

בײַם ים

דער ווינט פײַפט אַ ווילד־געפײַף, ס'איז אַ
ווינטערנאַכט בײַם ים.
די צוואַנציק־שטאָקיקע מויער וויגט זיך, בייגט זיך אײַן,
פאַרקוקט אין די אייגענע פענצטער אַרײַן:
וואָס טוט אַ מענטש אַן איינזאַמער אַליין?
דער מענטש טוט גאָרנישט נים. ס'איז צו פרי שלאָפֿן גיין.
זיצט ער אַ פּוס אויף אַ פוס פאַרלייגט, די האַנט
אויף דער קני, אין רו;
די ווײַטע־ווײַט קומט נענטער צו —
ער ווערט פון ווײַסקייט פאַרבלענדט:
דאָס זײַנען אירע צווײ ווײַסע הענט...
זיי זײַנען אַ מאָל געלעגן אַזוי ווייך אין זײַנע —
אין דעם איז דאָך שוין אָבער זייער לאַנג.
וואָס זשע טוט אים פלוצלינג איצט עפּעס באַנג?
יאָ, ס'איז דער ווינטגעפײַף, דער ים, די נאַכט —
וועלכער שד האָט די אַליינקייט אויסגעטראַכט? — —

ווערטער

אַז שטענדיק הונגערן מײַנע טעג און יאָרן
נאָכן וואָרט וואָס דאַרף ערשט ווערן געבאָרן.
לאָז איך זיך אַוועק אַ שווימער אַ געוואַגטער,
לייג איך אַ קלאַפּטער אויף קלאַפּטער,
אָניאָגן דאָס וואָרט פֿון ווערטער,
וואָס איז אפשר מיר אַ באַשערטער.
איך וועל אונטערלייגן מײַנע הענט צו זײַן געבאָרן ווערן
און וועל אים אויסבאָדן אין מײַנע וואַרעמע טרערן.

אָ, גאָט, וועל איך דאָך אָבער ווידער הונגערן נאָך ווערטער,
וואָס זײַנען אפשר מיר באַשערטע?
נאָר זיי בלאָנדזשען ערגעץ אין חלל פֿאַרלאָרענע,
און איך וועל זיי זוכן און רופֿן: טײַערע מײַנע!
נײַערע, נאָך ניט געבאָרענע... ווערטער — —

כ'נעם גאָרניט מיט

כ'האָב נאָך אַ סך ניט־אויסגעוויינטע טרערן,
נאָר מיטנעמען מיט זיך וועל איך זיי ניט,
דעם גורל, וואָס מײַן באַשאַפער האָט מיר געטאָן באַשערן,
ווי קאָן איך זיך קעגן אים ווערן?

נעם איך פון דאָ־הי לחלוטין גאָרניט —
ניט דעם בינטל שטרוי, וואָס קינדווײַז האָט עס
מיך פאַרשלעפערט געשמאַק,
ניט די קעלט פון דיל, ניט די צעריבענע קאָלדרע,
וואָס האָט אונדז קינדער געוואַרעמט ווי אַן אַלטער דאַך.

איך לאָז דאָ אויף גאָטס באַראָט אַלצדינג איבער:
די ליבע, וואָס דורך יאָרן כ'היט אָפּ אירע טריט,
מײַן קינדס געלעכטער, די דורות, וואָס זי וועט
ברענגען ווידער,
מײַן נשמה־פּלאַטערל, און מײַנע לידער — —

די זון

די זון לויכט אויף אין מיזרח
און לעשט זיך אין מערב.
אַזוי יעדן טאָג לויפט זי צו מיזרח
פֿאַר עמעצן דאָרט אויפלויכטן — —
איך אָבער וווין אין מערב —
ווי קאָן איך האָפן,
אַז די זון וועט ווען עס איז
פֿאַר מיר אויפלויכטן?

*

קוים ווילסטו די עלטער זאָל דיך ניט דעריאָגן —
שפּאַן אײַן פערד־און־וואָגן
און לאָז אין וועג זיך אַלץ ווײַטער
פון דעם אָרט פון דײַן געבאָרן:
פֿאָרן! פֿאָרן! פֿאָרן! —
וועלן הינטערווײַלעכץ
בלײַבן דײַנע יאָרן.

אינהאַלט

7 דער מענטש

8 אײן אַלײן

9 האַרבסט

11 פאַר נאַכט

12 װיגליד

13 דער ים

14 איך

15 סאַברעס

16 פּאָעטן

17 אַ טאָג

18 די פײגל שלאָפן

19 אַ װאָרט

20 פרילינגשפּיל

21 דאָרט

22 נאָװעמבער

23 כװאַליעס

24 די שטילקײט

25 דער חלום

26 פאַרבײ מײן פענצטער

27 מײן פענצטער

28 אײנזאַמע

29 קראָקוסן

30 קום צו מיר

31 דרײַ שליאַכן

32 מײן עראָפּלאַן

33 פרילינג

34 אַ ליד

35 בורא־שמים

36 דאָס קלײנע האַרץ

37 טבריה

38 בלומען

39 בײם ים

40 כ׳נעם גאָרניט מיט

41 װערטער

42 די זון

פון דעם זעלביקן מחבר

רוף פון פליגל

לידער, ניו־יאָרק, פאַרלאַג ״ידיש״, 1926.

די פּאַליטרע

לידער, תל־אביב, י. ל. פרץ־פאַרלאַג, 1964.

צום איינציקן שטערן

לידער, תל־אביב, י. ל. פרץ־פאַרלאַג, 1971.

נאַכטפּײַערן

לידער, תל־אביב, י. ל. פרץ־פאַרלאַג, 1976.

דאָס קרייצן פון די הענט

אויטאָביאָגראַפישער ראָמאַן, תל־אביב, י. ל. פרץ־פאַרלאַג, 1971.